ח. נ. ביאליק

# די פייער-מגלה

(מגלת־האש.)

איבערזעצט פון

י. י. שווארץ



ח. נ. ביאליק

## 1.

א גאַנצע נאַכט האָבען געזאָדען פייעריגע ים'ען און פייערצויגען זיך געוואָרפען איבער'ן הר־הבית. שטערען האָבען געשפריצט פון די צוברענטע הימלען און פונקענווייז זיך געשאָטען אויף דער ערד. האָט דען גאָט א שליידער געטהאָן זיין כסא־הכבוד און צושמעטערט זיין קרוין אויף פיצלעך?

און שטיקער צוריסענע פורפור־וואָלקענס, אָנגעזאַפּט פייער און בלוט, האָבען אין ברייטקייט פון נאַכט אומגעבלאָנדזעט, און פערצעהלט האָבען זיי אין די וויטע־ווייטע בערג דעם צאָרן פון גאָט פון נקמה און זיין גרימצאָרן צווישען די שפּיציגע פעלזען פון מדבר פון ווייטען פערטרויעט. האָט דען גאָט צוריסען זיין פורפור־הילע און איהרע שטיקער אויפן ווינד צושפּרייט?

און א געטליכע פורכט איז בעפאַלען די בערגער די ווייטע און אַן אימה פון גאָט אומגענומען די ברוגז־פערכמאַרעטע פעלזען פון מדבר: אל נקמות, אל נקמות, גאָט פון צאָרען און פון ראַכע האָט ערשיינט!

אָט איז ער דער גאָט פון נקמה און צאָרען. ער זיצט אויף א פייעריג שטול דאָרט ענטשלאָסען און פורכטבאַר אין האַרץ פון די פלאַמענדע ים'ען. זיין הילע — א פורפורנער העלישער פלאַם, און זיין פוס־בייִנקעל — גליהענדע־גלוטהענדע קויהלען. עס האָבען פערכאַפּט איהם די גרויזאַמע פייער־גיהנמשע טענץ און געדרעהט זיך אַרום איהם. איבער זיין קאָפּ וואַרפט זיך שטורמיש א וואַוטהענדער פייער שלינגענדיג דאָרשטיג־פערטריקענט דעם חלל פון וועלט. און ער זיצט ענטשלאָסען און פורכטבאַר, די הענד פעסט פערלעגט אויפ'ן האַרצען. מיט'ן בליק פון זיין אויג מאַכט ער גרעסער דעם פייער, מאַכט טיעפער דעם גיהנמשען בראַנד מיט א צוק פון די

טיעפע פערצאָרענטע ברעמען. איי, זאָל גלוטהענדער הוליען דער הע־
לישער פלאַם! זאָל זיך אַלץ ווילדער צושפּיעלען דער גרויזאַמער טיי־
וועלשער טאַנץ.



## 2.

און אז דער פריהיגער מאָרגען האָט ארויסגעשפּראָצט אויף די הויכע בערג און בלוי־בלייכליכע נעבעלם האָבען איבער די טהאָלען זיך אריבערגעצויגען — זיינען שטיל געוואָרען די פייער־ים'ען און פערשטיקט די פלאַמען צונגען פון געטליכען היכל אויפ'ן הר־הבית.

און אז די מלאכי־השרת האָבען, ווי זייער שטייגער איז יעדען פריה־מאָרגען, זיך כתות־ווייז צונויפגעקליבען זאָגען שירה, האָבען אויפגעעפענט די פענסטער פון הימעל און ארויסגעשטרעקט דעם קאָפּ צום הר־הבית, זעהן צו עס זיינען שוין אָפען די טויערען פון היכל און צו עס געהט שוין אויף צום הימעל דער רויך פון די קטרת?

האָבען זיי דערזעהן ווי גאָט־צבאות, דער אור־אור־אַלטער גאָט־צבאות, זיצט אין מאָרגען־דעמערונג אויף די חורבות. זיין הילע — וואָלקענס רויך און זיין פוס־בייגקעל — שטויב און אש. זיין קאָפּ טיעף אראָבגעזונקען אונטער בערג פון טרויער צווישען זיינע אָרעמס. שווייגענדיג שמערצליך דאָרט זיצט ער און קוקט אויף די חורבות. צאָרען און טרויער פון טויזענדער וועלטען האָבען איהם פערפינסטערט, פערכמאַרעט די ברעמען, און אין זיינע אויגען איז פערגליווערט געוואָרען די גרויסע, די איביגע שטילקייט.

און דער הר־הבית האָט נאָך גערויכערט. בערגלאָך, בערגלאָך אש, גליהענדיגע האָלעוועשקעס, הויפענס־הויפענס גליהענדע קויהלען האָבען געפינקעלט און געגלאַנצט ווי דימענט־שטיינער אין דער שטילקייט פון פריהמאָרגען.

און דער פייעריגער לייב, וועלכער פלעגט תמיד, טאָג און נאכט, ליגען אויפ'ן מזבח — איז אויך אויסגעלאָשען געוואָרען, און נישט געווען דאָרט. נור איין איינציגער פער'יתומ'טער לאָק פון זיין גרי־

ווע האט גערויכערט נאך, געציטערט און גע׳גוסס׳ט אויף דעם הויפען צוברענטע שטיינער אין דער שטילקייט פון פריה־מארגען.

און די מלאכי־השרת האבען פערשטאנען וואס גאט האט געטאן און זיי זיינען פערציטערט געווארען און אלע מארגען־שטערען האבען צוזאמען מיט זיי געציטערט. און פערבארגען האבען די מלאכים זייערע געזיכטער מיט זייערע פליגעל, דען זיי האבען מורא געהאט צו צוזעהן גאט׳ס צער.

און זייער שירה אין יענעם טאג איז פערוואנדעלט געווארען אין א שטילע קינה, א טיעפען רחמנות׳דיגען געוויין. שטיל האבען זיי זיך אבגעטהיילט, יעדער מלאך, יעדער בעזונדער, און געוויינט. און די גאנצע וועלט האט מיט זיי צוזאמען מיטגעוויינט.

און א שטילער זיפץ, א דרינגענדער זיפץ, האט פון עק־וועלט ארויסגעבראכען, איבער דער וועלט זיך פערשפרייט און אן דער שטילקייט פון געוויין זיך אנגעשלאגען.... און צובראכען איז דאס הארץ פון דער וועלט געווארען און גאט האט זיך מעהר נישט געקאנט בעהערשען... ער האט ערוואכט, א געשריי געטהאן ווי א לייב און פערבראכען די הענד. און די שכינה האט זיך אין איהר פערבארגעניש בעהאלטען.

3.

און דער מאָרגען־שטערן האָט געשיינט אין זיין אונשולדיגען טרויער אנטקעגען הר־הבית. פון דעם טיעפען בלויעם הימעל האָט ער אויף די חורבות אראָבגעקוקט און שטיל האָבען זיינע זילבערנע ברעמען געציטערט.

און אַ יונגער מלאך, מיט פערביינקטע אויגען און קלאָרע פליעגעל, וועלכער היט די פעריל־טרעהרען פון שטומען טרויערבעכער, האָט דערזעהן פון מאָרגען־שטערן דעם פייעריגען לאָק, דעם לעצטען לאָק פון דעם פייעריגען לייב ווי ער רויכערט און ציטערט און גוסס'ט צווישען די צוברענטע שטיינער אויפ'ן הר־הבית.

און אַ ציטער געטהאָן האָט דעם מלאכ'ס הארץ, און באַנג האָט איהם געטהאָן, אז גאָט'ס לעצטע קויהל זאָל פערלאָשען ווערען, דאָס הייליגע פייער אויף דער ערד זאָל אויסגעהן און די לעצטע האָפנונג פון געטליכען פאָלק זאָל אויף אייביג פערלאָרען געהן.

און דער מלאך איז אַראָבגעפלויגען פון מאָרגען־שטערן אויף די חורבות פון הר־הבית, האָט פלינק צוגעשוועבט צום הייליגען מזבח, האָט אַרויסגעכאפּט דעם געטליכען פלאַם פון דער שרפה און — אַוועקגעפלויגען.

און אַ פעריל־טרעהר איז אַראָבגעפאַלען פון דעם מלאך'ס אויגען און זיינדיג פערזונקען געוואָרען אין אש. דאָס איז די איינציגע טרעהר, וועלכע דער מלאך האָט פערלאָרען פון שטומען טרויער־בעכער, אַ טרעהר פון ערבאַרמונג און האָפנונג פאַר דאָס איבערגעבליבענעם פלעמעל פון געטליכען פייער.

און לאַנג איז דער מלאך געפלויגען אין די קלאָרע זילבער־וואָלקענס מיט'ן הייליגען פייער אין האנד. פעסט דריקט ער דעם פייער צו זיין הארצען און טראָגט עס צו זיינע ליפען. אנטקעגען איהם לויכט

און שיינט און טאנצט דער מאָרגען־שטערן און אין זיין האַרץ שטראָמט א קוועלע פון האָפנונג און טרייסט.

און געבראכט האָט ער דעם פייער אויף א ווייסטען פערלאָזענעם אינזעל און האָט עס אוועקגעלעגט דאָרט אויף א הויכען און שפּי־ציגען פעלזען. און אויפגעהויבען האָט ער זיינע פערקלעמטע אויגען צום הימעל און זיינע ליפּען האָבען געשעפּטשעט שטיל א תפלה:

— גאָט פון ערבארמונג און רעטונג, פערלעש ניט דיין לעצטע־לעצטע קויהל אויף אויביג!

און גאָט האָט צוגעהערט צו דער תפלה פון קלאָר־פליגעלדיגען מלאך און האָט אויפגעלעבט דעם פלאַם און אָנגעזאָגט האָט גאָט דעם מאָרגען־שטערן: „גיב אכטונג, מיין קינד, אויף מיין קויהל עס זאָל ניט פערלאָשען ווערען, דען טהייער איז דאָס קויהל מיר ווי דער שווארץ אפּעל פון אויג. וואך איבער דעם פלאַם און היט עס!"

און געשטעלט האָט זיך דער מאָרגען־שטערן אין מיטען הי־מעל אנטקעגען דאָס פלעמעל, און אראָבגעקוקט האָט ער צו איהם פון דער הויך מיט שטומע ליעבע און אונשולדיגע בענקשאַפט. און געהיט האָט ער עס אויף דעם ווייסטען אינזעל: א יפוועקען פלעגט ער עס יעדען פריהמאָרגען מיט זיין לויטערען גלאַנץ און עס גלעטען מיט שטראַהלען פון גנאדע און טרייסט.

און דער יונגער מלאך מיט די פערבענקטע אויגען איז צוריק געפלויגען אויף זיין אָרט, היטען די פערבאָרגענע טרעהרען און שטור־מען טרויער־בעכער ווי פריהער. נור זיינע אויגען זיינען טיעפער און פערבענקטער געוואָרען ווי פריהער און אין זיין האַרץ און אויף זיינע ליפּען האָט ער א פייער־בראַנד געטראָגען, דען עס האָט זיי א הייליגעס געטליכעס פייער בעריהרט.

## 4.

און אין יענער צייט האָט דער שונא אוועקגעפיהרט אין שיפען געפאַנגען פון ירושלים צוויי הונדערט בחורים און צוויי הונדערט מיידלעך; געוועזען זיינען זיי דורכזיכטיג ריין און קינדערש אונשולדיג, לוסטיגע נאַזעלען פון די בערג פון יהודה. פייכט זיינען נאָך זייערע לאָקען געווען, בעשפריצט מיט יוגענד־טהוי און פון זייערע אויגען האָט דאָס שיינונג פון ציון׳ס־הימלען געפלאַסען. זייער פאָטער — דער לוסטיגער הירש פון די וועלדער און זייער מוטער — די לייכטע אינדין פון די פעלדער.

און עס איז ווייניג געוועזען דעם פיינד וואָס ער האָט זייערע הייליגסטע געפיהלען צוטראָטען און אויף אייביג פעראומריינינגט און פערשמוצט דאָס ליעד פון זייער יונגען און בליהענדען לעבען — אין פערגלוסט האָט זיך איהם זייער זעעלע פערמאַטערען, און דורך אַ לאַנגזאַמען טוידט, פון הונגער און דאָרשט, זיי טוידטען. און אויסגעטהאָן האָט ער זיי נאַקעט און אַראָבגעלאָזט זיי אויף דעם וויסטען פערטריקענטען אינזעל, די בחורים בעזונדער, אויף איין זייט אינזעל, און די מיידלעך בעזונדער, אויף דעם צווייטען זייט אינזעל, און ער האָט זיי דאָרט איבערגעלאָזט.

דען געטראַכט האָט דער נידערטרעכטיגער פיינד: לאָזען זיי צוטהיילט זיין — און דאָפּעלט שווער וועט זיי זייער אונגליק ווערען. זאָלען זיי פונאַנדערגעשיידטע אומבלאָנדזען אויף דעם וויסטען אינזעל זוכענדיג איינע די אנדערע ביז טרוקען וועט ווערען זייער זעעלע און צוגאַנגען זייער האַרץ און פערלאָשען וועט ווערען דאָס ליכט פון זייערע אויגען. און ווען איין טריט נור וועט צווישען זיי אָבטהיילען און איינער וועט צו דעם אנדערען די הענד אויסשטרעקען — וועלען פלוצלונג זייערע געזיכטער זיך אויסקרימען, און זייערע קניע וועלען

זיך אונטערבויגען און זיי וועלען פאלען צו דער ערד און שטארבען וועלען זיי א שרעקליכען טוידט אויף אן ערד פון אייזען אונטער קופערנע הימלען, אהן לוסט און אהן טרויסט.

דריי טעג זיינען זיי געגאנגען אויף דעם וויסען אינזעל און נישט געפונען נישט קיין שפייז און נישט קיין וואסער. שווייגענדיגע, טרויעריגע זיינען זיי געגאנגען מיט אויגען פערגראבענע אין זודיגען זאמד, מיט טיעף געבויגענע קעפ אונטער דער גלוטהענדער זון. עס האבען זיי די שטיינער מיט פייעריגע שפיעזען געשטאכען און די שטעכיגע ווילדע דערנער האבען פון זייערע לײדען זיך אויסגעלאכט.

דען פערשאלטען האט גאט יענעם אינזעל פון אייביג אן און געוועזען איז ער וויסט און אונפרוכטבאר, בעדעקט מיט שטיינער און שפיציגע דערנער, אהן א ברעקעל גרעזיל, אהן דעם קלענסטען שאטען, אהן די מינדסטע בעוועגונג פון לעבען — און געהערשט האט ארום נור א פערטריקענטע שטילקייט און א בראנד פון די גלוטהענדע מדבר׳שע ווינדען. און מיעד זיינען זייערע אויגען געווארען, און טרוקען און פער׳חלש׳ט זייער הארץ. און שוואך, צוברענט פון היץ, איז געווארען זייער נשמה און זייער אטהעם האט זיך ווי פייעריגע פעדים געצויגען. איינזאם איז דער קלאנג פון זייערע טריט אבגעשטארבען און זייער שאטען — פאלענדיג פערברענט געווארען.

און אויסגעטריקענט איז די קוועלע פון זייער זעלע געווארען און אנטשוויגען. און זייער נשמה האט זיך אין א פינסטערען ווינקעל פערקליבען. און אויסגעגאנגען איז יעדער פערלאנג, אהנמאכטיג איז יעדער האנד פערבליבען און שוואך, פון זיך אליין, האבען זיך די אויגען געשלאסען. און געגאנגען זיינען זיי נישט וויסענדיג, נישט פיהלענדיג, אז זיי געהען.

נור אז אלץ אין זייער נשמה איז שווארץ־פינסטער געווארען און שטום. און אנטשוויגען אלץ ארום זיי — איז פלוצלונג א קלאנג פון זיכערע מעסיגע טריט, ווי די טריט פון אנקומענדען גלויבען, ווי דאס קלאפען פון א רוהיג זיכער הארץ, ארויסגעשוואומען. און נישט געוואוסט האט קיינער פון וואנען די טריט קומען און וועמעס טריט זיי זיינען. דען געהערט האבען זיי עס פון זייער הארצען און ארויס איז עס פון דער טיעפקייט פון זייער נשמה. נור געפיהלט האבען זיי, אז איינער א וואונדערבארער געפינט זיך צווישען זיי, אין וועלכענס הארץ אלע הערצער גיסען זיך צוזאמען. און געצויגען האבען זיי זיך נאך די טריט פון וואונדערבארען ווי פריהער מיט פערמאכטע אויגען, און זייער נשמה האט ציטערדיג די שפורען פון זיינע טריט געזוכט און נאכגעפאלגט.

און עס איז געווען, אז אימיצער פלעגט צונויפנעהמען אלע זיינע בחות, און א קוק טאן דורך דאס קליין שפעלטעל פון די אראבגעלאזטע ברעמען — פלעגט זיין אויג זיך אבשטעלען אויף צוויי בחורים, ביי־דע פון שולטער אן און ווייטער העכער פון אלע בחורים,ביידע גע־היימניספאלע מיט גרויסע ווייט געעפענטע אויגען. נור איינער א צארטער מיט אויגען קלארע אויפגעהויבען צום הימעל, און געדאכט האט זיך, אזוי ווי ער וואלט דארט זיין שטערען געזוכט, און דער צווייטער — א פורכטבארער מאן מיט צארענדיגע דורכדרינגענדע בליקען צוגעשמיעדט צו דער ערד, גליך ער וואלט זוכען אויף איהר די גרויסע אבדה פון זיין לעבען... און נישט וויסען פלעגט יענער, ווער פון זיי ביידען איז דער וואונדערבארער, וועלכער פיהרט אן זייע־רע טריט: צי דער צארטער בחור מיט די ווייכע טרוימענדע אויגען, אדער דער פורכטבארער מאן מיט די צארניג־טיעפע דורכדרינגענדע בליקען.

## 5.

אויף דער דריטער נאכט — א נאכט פון לויטער שטערן — זיינען די בחורים צוגעקומען צו א גרויסען פעד־שוואַרצען טייך און מיט פרייד אויסגעשריען: וואַ־סער! וואַסער! וואַסער! און זיי האָבען זיך א וואָרף געטהאָן צום וואַסער, זיך אָנגעטרונקען און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן ברעג פון טייך אָברוהען.

און צוויי בחורים האָבען פּלוצלונג אויסגעשריען גרינס! גרינס! זיי האָבען זיך ווידער א וואָרף געטאָן אויף די גרינס, זיך אָנגעגעסען און ווידער זיך צולעגט אויפ'ן ברעג פון טייך.

און נישט געוואוסט האָבען זיי, אז זיי האָבען פון טייך פון פערניכטונג געטרונקען און געגעסען האָבען זיי טייוועלשע פערשאָל־טענע גראָזען.

נור איינער פון זיי — דער צאַרטער בחור מיט די קלאָרע אויגען האָט פון טייך נישט געטרונקען און די גראָזען ניט געגעסען. איינזאם האָט ער זיך אָנגעשפּארט אָן א פעלזען און אין דער הימלישער בלוי־קייט זיין בליק פערטרונקען זייענדיג פערטיעפט אין דעם איניגסטען ליעד פון זיין הארצען.

און פּלוצלונג האָט זיך אויפגעשטעלט דער מאַן מיט די בייז־פערחמארעטע ברעמען, איז צוגעגאַנגען צו די בחורים און געזאָגט:

— ברידער, האָט איהר פערגעסען דאָס ליעד פון שנאה און פער־ניכטונג?

און געשוויגען האָבען די בחורים און גאָר נישט געענטפערט, דען געשעהמט האָבען זיי זיך מודה זיין, אז זיי האָבען דאָס ליעד קיינ־מאָל נישט געקאָנט. נור איין אינגעל מיט גאָלדענע לאָקען האָט זיך בעריהמען געוואָלט און זיך ארויסגעכאַפּט:

— קאָן דען דער לייב פערגעסען ברילען, אדער...

א ברענענדער פייל פון דעם וואונדערבארענ'ס אויגען האָט דעם ליגען נאָך אויף דעם אינגעל'ס ליפען געטווידס, און געצאַרענט האָט דער וואונדערבארער און געזאָגט:

— דער ליב איז פערוואַנדעלט אין א הונגר פון דעם מדבר געוואָרען...

דאָס אינגעל איז רויט געוואָרען, אַראָבגעלאָזט זיינע אויגען צו דער ערד און מיט זיינע פינגער א דין שטיינדעל אויף זאמד געמאָלען. און די נאכט האָט איהם מיט איהר שלייער איינגעהילעט און קיינער האָט איהם אין זיין שאנדע נישט געזעהן.

און דער וואונדערבארער מאן איז געזעסען אויפ'ן ברעג פון טייך און זיינע גליהענדע אויגען זיינען אין די שווארצע אָבגרונדען פערזונקען געוואָרען און דאָרט פערלאָרען געגאַנגען. און געשוויעגען האָבען די בחורים און פערהאַלטען זייער אָטהעם, דען א געטליכע פורכט איז אויף זיי געפאַלען און מיט א פערבאָרגענעם שרעק האָט זייער הארץ געקלאַפט. און אָנגעשטריינגט האָבען זיי זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, אזוי ווי דער דאָרשטענדער לעגט צו זיין אויער צו א פעלזען אין דעם מדבר דיינקענדיג דאָס רוישען פון א פערבאָרגענער קוועלע אין טיעפקייט דערהערען.

און אין א רגע שפעטער האָט זיך א שטיל געזאַנג געלאָזט הערען פון דער זייט פון דעם וואונדערבארען מאַן. שטיל, פאַר זיך, האָט דער מאַן געזונגען אויף א נידעריג־נידעריג קול. א פינסטערע, א וואונדערבארע און א רוהיגע איז דאָס ליעד געפאַלען און פערגליווערט די הערצער מיט זיין אייזיגע שטילקייט. און מען האָט נישט געקאָנט וויסען, צי דאָס ליעד איז אזוי ווי א שווארצע גיפטיגע שלאַנג ארויסגעקראָכען פון א ווינקעל פון זיין נשמה און צום וואסער זיך געצויגען, אָדער זיינע אויגען האָבען עס ארויסגעשעפט פון אָבגרונד פון טייך און עס האָט זיך געצויגען אין זיין נשמה....

און אזוי האָט דער מאַן געזונגען:

עס הרעמעלט דער תהום פון פערניכטונג א טיעפער און שווארצער
און רעדט וועגען טוידט...
און ס'זינקען אין איהם פונקט ווי שטיינער דער וועלט'ס גרויסע
לײדען
און יאוש געשרייען.
און וואו איז די גאולה? — פערקויפט האָט זי זיך צוג'ם הימעל,
פערלאָזען די ערד...
און טאַנצט מיט א פויק אין איהר האַנד פאַר די גאָלדענע שטערען
אויף שפיציגע פעלזען.

שווייגענדיג, זייערע בליקען אין טייך פערטרינקענדיג, זיינען די בחורים געזעסען. דער פינסטערער תהום האט מיט שרעק זייער זעעלע אנגעפילט און גאלדענע שטערנדלעך האבען פון דער שווארצער טיעפקייט מיט זיי זיך געררייצט.

און דאס פערשעהמט אינגעל האט קינדיש שפיעלענדיג א שטיינדעל פון ברעג טייך אויפגעהויבען און עס אין וואסער א ווארף געטהאן. און א ציטער געטהאן האט דאס הארץ פון טייך און צורונצעלט איז דער שווארצער שפיעגעל פון טייך געווארען און צוקנייטשט. די גאלדענע שטערנדלעך האבען זיך צונויפגעפלאכטען ווי קליינע פייעריגע שלייגלעך און האסטיג, אין ציטערניש אויף אלע זייטען זיך פארנאנדערגעלאפען... און אויפגעשוידערט האבען אלע בחורים און געשראקען זיך אליין נישט וויסענדיג פאר וואס. און א שווארצעס פייער האט זיך אנגעצונדען אין די אויגען פון דעם וואונדערבארען מאן, דאס פייער פון שטן. דער קול זיינס האט זיך געביטען און שטארק געווארען און ציטערדיג־צארענדיג געקלונגען:

פון תהום פון פערניכטונג ברינגט אויף מיר דאס ליעד פון׳ם חורבן שווארץ ווי אייער קויהל פערברענט האריץ.

און טראגט אט דאס ליעד צווישען גאטעס פערשאלטענע פעלקער און שיט אוף זייערע קעפ זיינע קויהלען.

פערזעעט דארט אויף זייערע פעטע און פרוכטבארע פעלדער פערניכטונג און האס;

און אז ס׳וועט אייער שאטען בעריהרען א בליהענדע ליליע — פערטריקענען זאל זי און שטארבען;

און אז פאלען וועט אייערס א בליק אויף א מארמאר־סטאטוע — זאל ברעכען עס באלד ווי א שארבען.

און נעהמט מיט זיך מיט א געלעכטער, א גרויזאם געלעכטער, מיט וועלכען דארט טוידטען זאלט איהר — — —

און דער בחור מיט די קלארע אויגען, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען אנגעשפארט אן פעלזען זוכענדיג זיין שטערען אין הימעל, איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו די בחורים, מיט אויגען אויפגעעפענטע צום הימעל און מיט גרויס רחמנות זיי געפרעגט:

— ברידער, און דאס ליעד פון נחמה און צוקונפט ווייסט איהר?...

אבער די בחורים האבען זיין פראגע נישט געהערט, זיך פון ארט נישט געריהרט און זייערע אויגען פון פינסטערען טייך נישט אבגעריסען, דען דאס ליעד פון וואונדערבארען האט זייערע נשמות פערשלונגען. שווייגענדיג, שטומע זיינען זיי אויפ׳ן ברעג פון טייך

געזעסען און אויסגעזעהען האָבען זיי ווי שוואַרצע מצבות אויף זייע־
רע אייגענע קברים.

נור דאָס פערשעהמט אינגעל מיט די גאָלדענע לאָקען וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען און מיט שטיינדלעך זיך געשפּיעלט האָט זיך דאָס מאָל אויף ארויסגעכאַפּט צו ענטפערען און געזאָגט:

— קען דען די אינדיין פון די פעלזען איהר בענקשאַפט פערגעסען, אָדער...

אָבער דאָס אינגעל האָט נישט געענדיגט. זיין האַרץ האָט איהם נישט דערלאָזט ליגען זאָגען, דען עס האָבען זיך אויף איהם אָבגע־שטעלט די צוויי קלאָרע אויגען. מיט'ן פינגער אין מויל, מיט אַ שעה־מעוודיג שמייכעל אויף די צאַרטע בעקלעך, אַ שמייכעל פון אַן אונ־שולדיג קינד, איז ער געזעסען. און דער בחור מיט די קלאָרע אויגען האָט צו איהם צוגעשמייכעלט פון ווייטען מיט אַ גוטען שמייכעל, אָבער מיט אַ טרויעריג געמיטה האָט ער זיך ווידער געשטעלט אויף זיין אָרט מיט אויגען געווענדעט צום הימעל ווי פריהער.

און דאָס ליעד פון דעם וואונדערבאַרען מאַן אויפ'ן ברעג פון טייך איז אַלץ געוואָרען שטאַרקער און רוישענדער און איז איבערגע־גאַנגען אין אַ שטורם־געשריי. און די חוואַליעס פון דאָס ליעד האָבען אַלע בחורים מיט זיך מיטגעשלעפּט און געברילט האָבען זיי ווי לייבען. און וואָס מעהר זיי האָבען געזונגען זיינען אַלץ די חוואַליעס פון שנאה וואָס איז נאָך ביטערער פאַר'ן טויזט אין זייער האַרץ געוואַקסען, אין זיי טיעף געגרוישט און זיי פערשכורט, אויסגעקרימט זייערע גע־זיכטער און אַ שוואַרצען גיהנמשען פייער אין זייערע אויגען אָנגע־צונדען. און דער שוואַרצער טייך האָט זיך אַ וויעג געטהאָן פון איין ברעג צו דעם אַנדערען, אַזוי וויא אַ קינד אין וויעגעל. און וואָס מעהר דאָס וואַסער האָט זיך בעוועגט, זיינען אַלץ געוואָרען מעהר די פייער־שלאַנגען פון די גאָלדענע שטערענדלעך אין זיין טיעפקייט:

אָט דאָס איז דאָס ליעד פון'ם צאָרען... די גלוטהענדע גיהנמשע פלאַמען
אין פורכטבאַרער נאַכט.
זיי האָבען בעשאַפען דאָס ליעד פון די בלוט פון אונשולדיגע קינדער און זקנים
פון היילינע קערפּער — פערשוועכטע....

פּלוצלונג איז דאָס אינגעל מיט די גאָלדענע לאָקען אויפגעשפּרונ־גען פון זיין אָרט, זיין האַנד אויפגעהויבען צום שפּיץ פון אַ הויכען ריעזיגען פעלזען אויף דעם צווייטען זייט פון טייך, שרייענדיג: „זעהט,

זעהט!" און די בחורים האָבען זייערע אויגען אויפגעהויבען און זייער הארץ איז אין זיי אָבגעשטאָרבען: אויף יענעם זייט טייך, אויף די שפּיצען בערג שוועבט און ציהט זיך א לאַנגע שורה פון קלאָר־ווייסע מיידלעך, די הענד אויסגעשפּרייט צום הימעל, בעגאָסען מיט לבנה־שיין, מיט פערמאַכטע אויגען אזוי ווי נאַכט־וואַנדלערינס... זייערע קעפּ זיינען מיט דערנער קרענץ בעקרוינט און אויף זייערע געזיכטער זיינען משיח'ס־לײַדען פערגליווערט געוואָרען. אונטער דעם צודעק פון די געדיכט־אָראָבגעלאָזטע ברעמען דרעמעלט דאָס אייביגע גלויבען און אויף זייערע ליפּען ליגט א שטראַהלענדער שמייכעל אנטשלאָפען.

און די בחורים האָבען זיי דערקאַנט און זייער הארץ איז אָבגעשטאָרבען. זיי האָבען געזעהן ווי די מיידלעך קומען צו אַלץ נעהנטער און נעהנטער מיט פערמאַכטע אויגען צום קאַנט פון פעלזען, וועלכער הייגנט אריבער אזוי ווי א גלייכע וואַנד איבער דעם טייך. אַט־אַט — און איין טריט נור וועט זיי אָבטהיילען פון דעם אָפּענעם אָבּגרונד... און זיי זיינען אַלע אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, געשריען צו זיי אויף א הויך־קול און מיט די הענד געמאַכט צו זיי. נור די מיידלעך, נישט זעהענדיג און נישט הערענדיג, זיינען ווייטער געגאַנגען מיט לייכטע, פלינקע טריט, מיט געשלאָסענע אויגען אין איין שורה.. און אַט איז שוין דער לעצטער טריט... א לאַנגע פּערל־שנור פון פלוצלונג־געעפענטע אויגען האָט א גלאַנץ געטאָן א רגע אזוי ווי א שטערען — און באַלד פערלאָשען געוואָרען, אראָבפליהענדיג אזוי ווי א מחנה ווייסע בושלען אין דער שוואַרצקייט פון וואַסער.

און די בחורים האָבען זיך א ריס געטאָן מיט א שרעקליך געשריי און זיך אריינגעוואָרפען אין וואַסער. זייערע לאָקען האָבען זיך אויפגעשטעלט ווי לייבען־גריוועס און מיט די הענד האָבען זיי געשפּאָלטען דעם טיעפען וואַסער שווימענדיג אַלץ נעהנטער צו דעם פעלזען... אַט זיינען זיי שוין אין מיטען טייך... און געצאָרענט האָט דער טייך און געשטורעמט און געוואָרפען און צושפּיעלט האָבען זיך די וואַסערן. א גרויסע און שוואַרצע חוואַליע האָט זיך אויפגעהויבען ווי א ריעזיגער באַרג פון דער טיעפקייט און די בעל־העזות צוריק געשלײַדערט. אָבער זיי, אונדערשראָקענע, זיינען ווידער געשוואומען און אויפ'ן רוקען פון דער חוואַליע ארויפגעכאַפּט זיך. אויף א רגע איז די חוואַליע אנטשוויגען געוואָרען און זיך בערוהיגט, געבליבען שטעהן אזוי ווי א וואַנד פערגליווערט, אָבער טיעף אין זיך האָט זי א גיהנמשע מחשבה פערבאָרגען געהאַלטען. און די בחורים שווימען אַלץ ווייטער און

ווייטער און קומען אלץ נעהנטער און נעהנטער... אט זיינען זיי שוין אויפ'ן שפיץ פון דער חוואליע... אט הערען זיי שוין דאס געשריי פון די מיידלעך פון צווייטען זייט חוואליע... און פלוצלונג האט דער בארג זיך צושפאלטען און זיך אזוי ווי א גיהנם געעפענט. און די בחורים האבען זיך אראבגעגליטשט אין דער אפענער העלע און דארט האבען זיי זיך מיט זייערע קעפ אנגעשלאגען אן די קעפ פון די מיידלעך, וועלכע זיינען זיי אנטקעגען געשוואומען...

און א שווערע שטילקייט, א שטילקייט פון אן אנגעזעטיגטען גיהנם, האט זיך פלוצלונג אויפ'ן טייך אויסגעלעגט. פערשלונגען האט דער שטראם די יענע, וועלכע האבען זיין רוה געוואגט שטערען און אויף דעם שווארצען שפיגעל פון דאס וואסער איז עפעס א גרויסע, שווערע און שווארצע זאך דורכגעשוואומען און שטיל נאך די ארויסגעשוואומענע טוידטע קערפערס זיך געטראגען. איז דאס א שווארצע שיף אדער א טוידטען־ארון געוועזען ?

און דער צארטער בחור מיט די קלארע אויגען, וואס איז איבערגעבליבען איינער אליין פון אלע בחורים אנגעשפארט אן פעלזען האט זיך פלוצלונג א ווארף געטהאן צו דער ערד און בעהאלטענדיג א לאנגע צייט זיין געזיכט אין די הענד האט ער געוויינט, געוויינט, געוויינט....

## 6.

און אז דער בחור האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד און האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל ווי זיין שטייגער — האָט ער דערזעהן אויפ'ן שפּיץ פעלזען אנטקעגען איהם, אזוי ווי אַ מלאך פון צניעות און ליכטיגקייט, אַ מיידעל מיט אַ מאַרמאָר קלאָרען קערפּער, מיט טרויעריגע אויגען געווענדעט צו איהם און איבער איהר קאָפּ האָט דער מאָרגען־שטערען געלויכטען.

און האַסטיג געקלאַפּט האָט דעם בחור'ס האַרץ און צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער זיינע צניעה'דיגע אויגען צו דער ערד אַראָבגעלאָזט און פערזונקען האָט ער זיין בליק אין טיף און אויף דער מיידעל'ס בילד, וועלכע האָט זיך דאָרט אָבגעשפּיעגעלט צוזאַמען מיט'ן מאָרגען־שטערען, זיך אָבגעשטעלט.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל געווען וואָס דער בחור האָט אין יענער נאַכט אין טיעפען תהום אַריינגעקוקט.

פּלוצלונג האָט ער פאַר דעם בילד אין וואַסער אויף די קניע זיך געשטעלט, די אויגען מיט ליעבע־שמערצען צו דעם אָבגרונד צוגעשמידעט און זיינע ליפּען האָבען שטיל מיט אַ ליידענשאַפטליך־בייגקען געמורמעלט:

שוועסטער, דו ביזט עס?...

און דער בחור איז אַנטשוויגען געוואָרען און נישט געקאָנט מעהר רעדען, דען עס האָט איהם אַ רוישענדער שטראָם פון געפיהלען פערטומעלט, און זיין נשמה האָט זיך אין שטראָם פערלאָרען...

אַ רגע שפּעטער האָט ער אויפגעוואַכט, ברייט צועפּענט זיינע אויגען, און טיעף טרוימעריש זיינען זיינע אויגען געווען. און אַ פערמאַטערטע נשמה פערוואונדעט פון ליעבע און טריפענדיג בלוט האָט אין זיי זיך געצאַפּעלט. און ער האָט ווידער פערמאַכט זיינע אויגען אין גרויסען טרייען ווייטאָג פון זיין האַרצען און אַ וואונדערבאַר שעפּטשען, דער אויסדרוק פון אַ טיעפען פערבאָרגענעם צער, אזוי ווי

דאָס שעפּטשען פון א שטראָמענדען לויטערען קוואַל אבענד־צייט צווישען גראָזען האָט זיך אין א תפלה ארויסגעריסען און געשטראָמט פון זיינע ליפּען:

„ביזטו עס מיין נשמה, דאָס ליכט פון מיין לעבען און דער גוטער מלאך פון מיין הארצען פון מיין קינדהייט ביז יעצט? האָסטו עס אויף דעם וויסטען אינזעל אונטער די פליגעל פון אַנקומענדען מאָרגען און זיין שטערען ענטפּלעקט זיך צו מיר?... און איך — מיט טויזענדער שטימען האָט מיין זעלע גאָר די טעג פון מיין לעבען צו דיר גערופען און דורך צעהנדליגע טויזענדער פערבאָרגענע קרומע שטעגען צו דיר זיך געריסען. נאָך אין פריהיגען מאָרגען פון מיין קינדהייט האָט מיין אויג דיין שעהנקייט געזעהן און לײדענשאַפטליך, אין איינזאַמקייט פון פינסטערע נעכט און ראָזע פריהמאָרגענס נאָך דיין פערבאָרגענעם ליכט געלעכצט. אין די בערג פון שומרון, אונטער די וויינשטאָקען פון די גערטנער האָט מיך מיין מוטער געבאָרען. מיין וויעג איז פון גרינע לולבים געפלאָכטען געווען און דאָס פויגעל־געזאַנג איז מיין וויעג־ליעד געווען. הויכע, בליהענדע, פרוכטבארע פעלדער תבואה האָבען מיין קינדהייט געבענטשט; געדיכטע, פרישע וועלדער פון לינדען־בוימער און שאָטענדיגע צווייגען פון בוקסען־בוימער האָבען מיר זייערע סודות פערטרויעט. און איך האָב ליעב בעקומען דעם גאָט פון דער ערד, דעם גאָט פון די בערג און טהאָלען און מורא פאַר דעם גאָט פון הימעל געהאַט. יערען פריה־מאָרגען, מיט זון־אויפגאַנג, ווי נור עס פלעגט אין דער שטילקייט פון דער וועלט דער ערשטער האָרן פון די הירטען זיך לאָזען הערען אויף די שפּיצען פון די בערג און א פערבאָרגענע, הייליגע זיסע מורא פלעגט מיר אומנעהמען, פלעג איך באַלד פון מיין איינזאַמער ביידעל זיך ארויסכאַפּען. איך פלעג אויף א גרינעם בערגעל אַרויפשטייגען, מיינע פיס פלעגען זיך אין מאָרגען־טהוי טובלען און מיינע אויגען פלעג איך אין טיעפען בלויען הימעל פערטרינקען. און געזעהען האָב איך דיין גרויסקייט אין דעם מאָרגען־שטערען און אין זיין בעשיידענעם גלאַנץ — דיין הייליגקייט געפיהלט. און אראָבגעשיינט האָסטו צו מיר פון הימעל מיט שטילער ליעבע און מיט דאָס אויפציטערען פון דיינע ברעמען מיין הארץ אויפגעשטורעמט. און ליעב בעקומען האָב איך דעם גאָט פון'ם הימעל צוליעב דיר...“

און דער בחור האָט ווייטער גערעדט מיט א שטורמדיג געמיטה:

„דערנאָך בין איך אַן איינזאַמער יתום געבליבען... מיין פאָטער איז מיט א שרעקליכען טויט אין מלחמה, פערשאָלטען פון גאָט, געפאַלען, און מיין מוטער האָט אין א פרעמד־לאַנד איהר הארץ פאַר

אַ הויפען געראשטען פערשוועכט. און איך בין פערבליבען עלענד. און נעבלאָנדזשעט האָב איך גאַנצע טעג און איינזאַמער צווישען די בערג און ביי נאַכט פלעג איך זיך צו אַ פעלז ווי צו אַ מוטער צודריקען. היענעס האָבען ארום מיר זיך געדרעהט אין דער פינסטער און דער ווילדער נאַכט־פויגעל האָט מיך מיט זיין קלאָגען געשראָקען. און איך בין געוועזן אזוי צאַרט, איינזאַם און טרויםענד, כ'האָב קיין זאַך נישט פערמאָגט אויסער אַ נשמה אַ ציטערדיגע ווי אַ פויגעל און אויגען וועלכע האָבען מיט פערוואונדערונג אויף אַלעם געקוקט. און פלוצלונג האָסטו זיך צו מיר, דו ליכטיגע און טרויעריגע, בעוויזען פון צווישען דעם נאַכט־נעבעל און אויף מיין איינזאַמען באַרג ביי דעם שטיין פון מיין צוקאָפּענם זיך געשטעלט. און אויפוועקען פלעגסטו מיך יעדען פריה־מאָרגען מיט אַ גנאַדע־שטראַהל און מיט מוטערליכע רחמנות האָט דיין גאָלדען אויג מיך געגלעט... און אָנגעפילט האָסטו מיין האַרץ מיט פערבאָרגענעם טרויער, פערשוויגענע ליידען און ליעבע יסורים... און פריה, גאַנץ פריה פלעגען מיינע אויגען זיך עפענען דיר צו עמפפאַנגען און אויף דיר ווי אַ ציטעריג קינד אויף זיין מוטער וואַרטען... און איין טאָג האָט מיך ליגענדיג אין פריה־מאָרגען צווישען די בערג אַן אַלטער מאַן פון יהודה געפונען. און דער מאַן איז איינגעהילט אין אַ לאַנגען מאַנטעל געוועזן, בעוואַקסען מיט לאַנגע צופלאָכטענע האָר, אַ פינסטערער און אַ שווייגענדיגער. דאָס איז געוועזן אַ היילינגען געטליבער נזיר, ווייס ווי די זילבערנע וואָלקענדלעך אין הימעל אָדער ווי דאָס אויסזעהן פון'ם אייז אנטקעגען פריה־מאָרגען. און דער גרייז האָט אויף מיר רחמנות געהאַט, האָט מיך אין זיין פערבאָרגענעם געצעלט צוגענומען און אין דעם שאָטען פון זיין ווייסען און ציטערדיגען באָרד מיך בעהאַלטען. און געלערענט האָט ער מיך זיינע וועגען, זיין גאָט מיר געלערענט דיענען, מיין זעעלע פון יעדען פערגניגען אָבגעשיידט און צום הימעל מיינע אויגען געווענדעט. און איינציגווייז, איינציגווייז האָט ער אַלע בלומען פון מיין יוגענד אָבגעפליקט, אַלע מיינע פערלאַנגען צום הימעל היילינג געמאַכט, און אַוועק זיינען מיינע טעג אין תעניתים אזוי ווי זיינע, און מיינע נעכט אין תפלות אזוי ווי זיינע פערביי. און מורא געהאַט האָב איך פאַר דעם זקן אזוי ווי דאָס בליהמעל האָט מורא פאַר קעלט. מיין געזיכט איז אָבגעצערט געוועזן און מיין שטערען איז בלאַסער געוואָרען פון טאָג צו טאָג — נור מיינע האָר זיינען אויסגעוואַקסען און אין לאָקען זיך געקרויזט און אין האַרץ האָט אַ פרישער וואַלד פון חלומות געבליהט. און איך, אַ שוואַך קינד, האָב זיך אין דעם דאָזיגען וואַלד פערלאָרען און געגליכען בין איך צו אַ פערבלאָנדזעט הירש צווישען די צעדער בוימער פון לבנון געוועזן....

ציטענוויז פלעגט דער וואלד אין מיין הארצען אין א פראכטפאלען
גארטען, איינגעטונקט אין בליהענדע בלומען און בעגאסען מיט זון־
שיין, זיך פערוואנדלען, און דו, געוועבט פון ליכט און פון זון־שיין,
א פרוי און א גאט אין איינעם ,געהסט דארט אום צווישען די דופ־
טענדע בייטען מיט א געטליכען שמייכעל אויף די ליפען, און איך
— א פערליעבטע טויב — ציטער און פלאטער אויף דיין ווייסען שול־
טער... און אין יענע טעג בין איך נאך געווען ריין, שעהמעוודיג און
בעשיידען. מיין זעעלע איז קלאר געווען און לויטער ווי א טראפען
טהוי אויף א ליליע און מיין הארץ — ווי א טראפען שלוח'ס־וואסער
אין א קריסטאלען בעכער. שטויב פון א פרוי האט זיך נאך צו מיין
מאנטעל נישט צוגעקלעפט און איך האב איהר ריח נישט געוואוכט.
נור טויזענדהער לעבענס־קוועלען האבען אין מיין הארצען געשטראמט
און מיין זעעלע האט א ים ליעבע, א ים ליעבע געבעטען. און דיין
בילד האט אונגעריכט פון מיינע חלומות פאר מיר אויפגעבליהט און בע־
וויעזען האסטו זיך צו מיר אלס פרוי און גאט צוזאמען און נישט
געוואוסט האב איך, ווען און ווי אזוי איז עס דארט אויסגעוואקסען.
און א מאל פלעגט מיר זיך דאכטען, אז גאט האט פון אייביג אן דיין
בילד אין מיין הארצען איינגעפלאנצט און לאנג־לאנג צוריק אויף איינעם
פון די שטערען, אדער אין א לאנג שוין פערגעסענעם טרוים בין איך
פארביי דיר פארבייגעגאנגען אן דו האסט מיך ביי מיין נאמען גע־
רופען. און דיין אנדענקונג האט שטענדיג געברענט פאר מיר מיט א
ווייסען פייער און געפיהלט האב איך דיין זיסען ריח פון די רעטענישען
פון מיין ווייטער קינדהייט און פון איהרע אונפערשטענדיגע טרוימען
האב איך דיין בת־קול געהערט. ביי־טאג, געהענדיג מיט אויגען אויפ־
געהויבענע צום הימעל האב איך ווי א בלינדער דיין שאטען גע־
טאפט און אין שלאפלאזע נעכט האב איך דיר אויף מיין געלעגער גע־
זוכט. און א מאל, אז דער זקן פלעגט אין מיטען נאכט אויפשטעהען,
און ביים אפענעם פענסטער צו מזרח־זייט זיך שטעלען, זיינע אויגען
צום הימעל געווענדעט, זיינע ליפען זינגענדיג צוזאמען מיט די שטע־
רען א הייליגע תפלה צום גאט פון זיין לעבען — פלעג איך אנטקעגען
איהם אין דער פינסטער אויף מיין געלעגער ליגען ברענענדיג אין א
טיעף אין טייך זיך ארבגעלאזט. פלוצלונג האט דער וואסער־קלאנג
ווי א קריסטאלען שטראם דורך מיר דורכגעגאנגען און ווי א הארפען־
ליעבע־פייער פון קאפ ביז די פים און זיך ווארפענדיג אין שווערע
יסורים פון זינדיגע געפיהלען, און מיין נשמה ציטערט דאן און צא־
פעלט זיך ווי א יונג מילך־שעפסיל אין די צייהן פון א הונגעריגען לייב
און מיינע אויגען וויינען און די צייהן קריצען און מיינע ליפען שעפט־

שען ליידענשאַפטליך ציטערענדיג אַ זינדיגע תפלה צום גאָט פון מיין לעבען... און אַריינגיסען פלעגט זיך אין מיר דער געזאַנג פון דעם זקן ווי אַ ריינער קוואַל, וועלכער פאַלט אריין אין אַן אויפגערעגטען שטירמישען ים... און קליין פלעג איך אין מיינע אייגענע אויגען ווערען און פייניגען פלעג איך זיך און צוזאָגען פלעג איך נדרים אין די פינסטערניש פון מיין נשמה... און פאַר'ן זקן האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט ער מיין נשמה זינדיג דערוויסען און וועט איהר מיט'ן פלאַם פון זיינע אויגען פערברענען... און איך האָב מעהר קיין מוטה נישט געהאַט צו האַלטען מיינע אויגען צם הימעל אויפגעהויבען און איינגעגראָבען האָב איך זיי אין דעם תהום פון מיין פינסטערער זעעלע און אזוי ווי אַ וואָרעם אין אַ הערבסטטאָג זיך איינגעקאָרטשעט... נור דו, אונשולדיגע, בעשיידענע, ערבאַרעמדיגע, האָסט אויף מיר רחמנות געקראָגען און מיר פון זיך ניט פערשטויסען. פון דער הויך, דורכ'ן פענסטער, האָסטו שטראַהלענדיג צו מיר אַראָבגעקוקט, ווי אין אַמאָליגע טעג צו מיר יעוואַונקען און פון זינד מיך געריינינגט... און דיין ליכט האָט מיין האַרץ ריין געוואַשען און ריינער פון שנעע איז עס געוואָרען... און אַראָבגעגאַנגען בין איך צום טייך זיך טובל זיין און מיין נשמה אין גאַנצען צו גאָט הייליג מאַכען. אַ פרישען שטראָם הייליגקייט האָבען די ווינדען פון די בערג אויף מיר געבלאָזען און געגאַנגען בין איך ווי איינער געהט אנטקעגען אַ הייליגען געטליכען סוד... און אַ געטליכע גבורה איז אויף מיר אַראָב, מיין האַרץ איז פריש געוואָרען, מיין גייסט קלאָר און ליכטיג און מיין נשמה האָט געזונגען — און איך האָב זיך אַליין נישט דערקאָנט. און ברייט צועפענט האָב איך מיינע אויגען צום הימעל, הויך האָב איך מיין קאָפּ אויפגעהויבען און כאָר האָט ער אין מיינע אויערען געקלונגען. איך האָב ארומגעקוקט זיך — און בין צומומעלט געוואָרען: אנטקעגען מיר אין טייך האָב איך דערזעהען אַ מיידעל זיך באָדענדיג, איהר צאַרט־קלאָרע לייב האָט צו מיר אין דער האַלבער דונקעלהייט געבלאַנקט — און מיך פערשכורט. און געוואָלט האָב איך זיך אַ וואָרף טהאָן צו איהר אזוי ווי אַ לייב — נור דאָס בילד פון דעם גרייז דעם נזיר איז פאַר מיר ארויסגעשוואומען — און מיין ליידענשאַפט האָב איך מיט דעם ברילען פון אַ לייב טיעף אין זיך דערוואָרגען, און בעהאַלטען האָב איך זיך אין אַ פעלזען־שפאַלט און פון דאָרט אויף דעם קלאָרען קערפער געקוקט. מיט מיינע אויגען האָב איך איהר צאַרט־קלאָרע לייב געשלונגען, אין מיין נשמה האָט זיך דאָס ציטערען פון איהר יונגער אונשולדיג מיידעלשער ברוסט געצאַפּעלט. און מיט די צייהן האָב איך געקריצט, מיין פויסט אנטקעגען הימעל אויפגעהויבען, נישט וויסענדיג

אנטקעגען ווערמען, צו אנטקעגען גאט, וועלבער שטעלט מיך אין אזא נסיון, אדער אנטקעגען שטן, וועלבער רייצט זיך מיט מיר און פייניגט מיך, און ארויסגעלאזט האט זיך מיט צארען מיין פויסט ווי א האמער אויפ'ן פעלז און צוברעקעלט איז דער פעלז געווארען און מיינע פיס האבען די שטיינדלעך אויף שטויב געמאלען... און אז דאס שכרות איז פון מיר אראב האט מיך אן אימה'דיגע פינסטערניש ארומגענומען און איך האב פאר זיך אליין, פאר'ן תוהו ובהו און גיהנמישע־ליידען מורא געקראגען. דען געזעהן האב איך מיין נשמה דורך און דורך געוועהן איז זי שווארץ און ווייס צוזאמען, א מיש־מאש פון ליכט און שאטען, און טיעף אין מיין הארץ האב איך ארייגעקוקט — און געווען איז עס א שלאנגען־נארע און אן אדלער־נעסט צוזאמען. צי אפשר דערפאר האט מיין נשמה שטענדיג נאכ'ן פריה־מארגען געדערשט און דאך נאך דעם פינסטערען אבענד געבייגקט?... א דערשלאגענער בין איך אויפ'ן ברעג פון טייך געזעסען, די אויגען צום וואסער צוגעשמידט און מיין קאפ אונטער א שווערע לאסט פון שווארצע זינדיגע מחשבות ארונטערגעבויגען — און געדאכט האט מיר, אזוי ווי איך וואלט אויפ'ן שייד־וועג פון פלוך און פון בענשונג געזעסען. פלוצלונג האב איך מיינע האר אין וואסער דערזעהן ווילד און לאנג אבגעוואקסען, פערהיינגען מיין געזיכט ווי א שווערער פארהאנג פון שווארצע שלאנגען געפלאכטען וואס ווילען מיין נשמה אין זייער נעץ פאנגען — און איך בין אויפגעשפרונגען פון מיין ארט און מיינע לאקען אויך צום הימעל הייליג געמאכט — און מיין גורל איז געווארפען געווארען. מיט הארץ קלאפעניש האב איך מיין סוד דעם זקן ענטפלעקט און ער האט מיט א בליק פון זיינע אויגען מיך געבענשט און בעגינען, מיט זון־אויפגאנג, מיך קיין ירושלים געהן געלאזט. און אריינגעקומען בין איך אין די טויערען פון מקדש מיט א קרבן און מתנות. און געזעהען האב איך דעם געטליכען היכל, די פון גיהנמישען אבגרונד אבגעריסען און אין הימלישע שיינונג פערטרונקען, און דעם רוהם פון די כהנים און גאטעס־דיענער, דאס רייכטהום און די שעהנקייט האב איך געזעהן — און איך האב זיך אין גאנצען פערלארען, און אבגעשניטען האב איך מיינע לאקען איבער דאס בלוט פון מיין קרבן און אויפ'ן מזבח פאר'ן פייערינען לייב זיי ארויפגעווארפען — און אין איין מינוט זיינען זיי מיט'ן פלאם פון מיין קרבן צום הימעל אויפגעגאנגען און דאס ציערונג פון מיין יוגענד איז אין אש ,אלס ריח ניחוח צו גאט, פערוואנדעלט געווארען... א שווארצע הוואליע רויך ווי דער רויך פון מזבח האט זיך פלוצלונג פון מיין נשמה ארויסגעריסען און דעם שיין פון מיינע אויגען פערשטעלט, און

געוואַלט האָב איך פאַר וועהטאָג אַ בריל געטהאָן ווי אַ לייב — נור אין דער מינוט האָט דער כאַר לויים אויף מיר אַ גאַס געטאָן אַ ים גע־זאַנג און מיין נשמה פערטראָגען. די קלאַנגען פון די טראָמפּייטען און האַרפען האָבען מיין יוגענד געשריי פערטויבט און אין דאָס רוישען פון די פויקען און טאַצען איז מיין האַרץ פערלאָרען געגאַנגען. און אָהנ־מאַכטיג בין איך צו די פיס פון'ם גרייז גרויען אין ווייסען אָנגעקלייד־טען כהן געפאַלען, מיין קאָפּ אין די פאַלעם פון זיין ווייסען מאַנטעל איינגעגראָבען און לאַנג־לאַנג האָב איך געוויינט, זיך מתודה געווען און געוויינט.... — — —

„... און אַרויסגעהענדיג פון בית־המקדש — האָב איך אַ קליי־נעם לאָק אַן אַנטרונענעם פון פייער ליגענדיג אין אַ ווינקעל פון מזבח דערזעהן. און צוגענומען האָב איך דעם לאָק, וועלכער האָט צו גאָט געהערט, אין שויס עם בעהאַלטען און מיט זיך עם אַוועקגעטראָגען און לאַנג האָב איך עם אויף מיין האַרצען געטראָגען, און ווי אַ קמיע עם אויף מיין האַלז אָנגעהאַנגען. און אַז מיינע לאָקען האָבען ווידער אָנגעהויבען אָבוואַקסען — האָב איך עם פון מיין האַלז אַראָבגענומען, אַ קוש געטהאָן און מיט'ן ווינד עם אַוועקגעלאָזען — און מיין גנבה צו גאָט אומגעקערט....

„און יעצט זעה נור, ווי דער הימעל האָט זיך פון מיר אויסגע־לאַכט און ווי גרויזאַם־בייז ער האָט מיר אָבגענאַרט. מיין קינדהייט, מיין יוגענד, אַלעס, אַלעם האָט ער פון מיר צוגענומען און מיט קיין זאַך מיר דערפאַר נישט בעלוינט. אונטערטהעניג אַזוי ווי אַ קנעכט האָב איך אַלע מאָל מיינע אויגען צום הימעל געהאַלטען אויפגעהוי־בען און שטיל, ווי אַ הונד, זיך נישט בעקלאָגענדיג האָב איך אויף מיין גורל געוואַרט. נור שטאָלץ האָט דער הימעל איבער מיר געשווי־גען און מיט פאַלשקייט מיין יוגענד אָבגענומען. און אַט בין איך ווידער אַליין אין דעם מדבר געבליבען, און מיין בערויבטער פריה־לינג האָט שוין אָנגעפאַנגען אַ בייזער, אַ צאָרענדיגער זיך אָבטאָן פון מיר אָהן איין ליעבליכען קוס, אָהן איין פריינדליך וואָרט. און איך יאָג איהם נאָך און לויף נאָך איהם, קושענדיג זיינע טריט, פאַנגענדיג איהם ביים פאָלע פון זיין קלייד צאַפּלענדיג און בעטענדיג: „פערלאָז מיך נישט!" — און דו האָסט זיך פלוצלונג צו מיר בעוויעזען, דו די הערשענדע קעניגין פון מיין האַרצען, און אַט שטעהסטו פאַר מיר אין דיין פולען פראַכט אויף דער ערד, דאָס סצעפּטער פון גליק אין דיין האַנד און די דיאַדעמע פון הילף און רעטונג אויף דיין שטערן. און איך — קוים האָב איך דיר דערזעהן — און אַלע מיינע אונטער־דריקטע געפיהלען האָבען פלוצלונג אַזוי ווי פערמאַרעטע שלאַנגען

אַרויסגעקראָכען פון זייערע נאַרעס מיט זייערע האַלבע קערפּערס און זיי ציהען זיך און ציטערען הונגעריגע, דאָרשטיגע צו דיר, צו דיר און אַ ווילדעס פייער, אַן אויפשטאַנד'ס-פייער פלאַקערט און גליהט אין זייערע אויגען... און זעה: מיין גאַנצען הימעל זילבערנע און גאָלדענע שטערען וועל איך דיר פאַר איין הויפען ליעבע, פאַר איין אייגציג בעריהרונג פון דיין גאָלדענעם סצעפּטער אוועקגעבען. וואָס נאָך האָב איך פון הימעל צו ערוואַרטען נאָך דעם ווי דו האָסט איהם צוליעב מיך פערלאָזען און דיין ליכט האָט פון איהם זיך אָבגעטאָן? —
דען שוואַך און ערשיטערט זיינען די זיילען פון הימעל געוואָרען און חרב געוואָרען איז גאָטעס היכל, זיין כסא-כבוד צובראָכען און די געטליכע טויערען זיינען אויף אש פערברענט געוואָרען — און איך בין אויסגעוואַקסען שטאַרק און שעהן, מיט אַן אונגעבראָכען שטאָלץ און נשמה און מיט אַ לייבען-געשריי אין מיין ברוסט און דו ביזט מיט מיר — בעפעהל, און איך וועל מיינע לאָקען אַ טרייסעל טאָן און אזוי ווי אַ לייכט שטרויעלע וועל איך די צערשיטערטע הימלען פון מיין קאָפּ אַראָבוואַרפען — דיינס אַ וואָרט — און פערזינקען וועל איך אין דעם דאָזיגען גיהנמשען אָבגרונד מיין לעבען און אזוי ווי איך האָב מיינע אויגען אין איהם קוקענדיג אויף דיין בילד אַראָבגעלאָזט, וועל איך זיי שוין אויף אייביג צום הימעל ניט אויפהייבען.. שוועסטער, ערבאַרעם זיך אויף מיר, נעהם מיך צו דיר — אין דיין האַנד בין איך... דריק מיך צו ווי אַ ברודער צו דיין הארצען, אָדער — לאָז מיך דאָס פוסבייגקעל פאַר דיינע פיס זיין... ווי אַ הונד וועל איך ביי דעם זוים פון דיין קלייד ליגען און דעם קלענסטען צוק פון דיינע ברעמען היטען, דאָס מינדסטע פערלאַנג דיינס אויספיהרען, אָדער אזוי ווי אַ לייב וועל איך אַ שפרונג טאָן צו דיר און אין אַ פעלזען-שפּאַלט דיך פערשלעפּען....“
און דער בחור האָט זיך פּלוצלונג בעהערשט און מיט אַ בעטענדיג קול ווייטער גערעדט:
„... אָדער נייע הימלען וועל איך פאַר דיר בעשאַפען און מיט אַ נייע בלויקייט און נייע שיינען וועל איך דיר איינהילען. און איינפאַסען וועל איך דיר אזוי ווי אַ זון אין מיין לעבענס-ספערע און אין דאָס ליעד פון מיין נשמה וועל איך דיין אנדענקונג אריינוועבען. פון מיינע תפלות וועל איך קרוינען פאַר דיין קאָפּ פלעכטען און מיט מיינע שנעע-ווייסע בלומען וועל איך די ערד פאַר דיינע פיס אויסבעטען. און שוועבען וועל איך אַרום דיין טהראָן אזוי וויא אַ פייעריגער אָדלער און מיט מיינע פליגעל וועל איך פלאַמען אויף דיר וועהען. מיט דיינס אַ וואָרט וועל איך אין אונבעגרענצטע הויכקייט זיך אויף־

הויבען און ביז די ווייטעסטע זונען וועט מיין גליק׳ס געשריי דער־גרייכען..."

און אויפגעעפענט האָבען זיך דעם בחור׳ס אויגען, אין וועלכע ליכט און פייער האָבען זיך געראַנגעלט... ציטערענדיג און ברענענדיג אין גאַנצען האָט ער זיין בליק מיט גרוים ביינקשאַפט צו דער מיידעל אויפגעהויבען און אַ קוק טהוענדיג איז ער פערשטיינערט געוואָרען. דאָס מיידעל איז פון שפּיץ פעלזען פערשוואונדען געוואָרען, נור איהר בילד האָט זיך נאָך אין טייך אָבגעשפּיגעלט און צוזאמען מיט דעם מאָרגען־שטערען האָט ער צו איהם פון דער שווארצער טיעפקייט אַרויפגעקוקט.

און אַ העליש־פייער האָט דעם בחור׳ס הארץ ארומגעכאַפּט און געברענט און געפלאַקערט. טרייסלענדיג זיינע פויסטען האָט ער אין די גרויסע אונענדליכע ליידען פון זיין נשמה אויסגעשריען: „פייער, פייער, פייער!" און פון צווייטען זייט טייך פון דעם שפּיץ פעלזען האָט דאָס בת־קול אָבגעהילכט: „פייער, פייער!" — און אַ ציטער געטאָן האָט דער טייך און מיט אַ פלאַם זיך אָנגעצונדען און איבער דעם גאַנצען אינזעל האָט זיך אַ פלאַמענדיג־פייער געשריי געטראָגען.

און נאָכ׳ן געשריי האָט זיך אַ גרויסע שטילקייט, אַ מאָרגען־שטילקייט צוליגט... און אָהנמעכטיג איז דעם בחור׳ס קאָפּ אויף זיין ברוסט אראָבגעזונקען און זיינע אויגען האָבען צו דער שווארצער טיעפקייט פון טייך זיך צוגעשמיעדט. טרויעריג שטיל איז אין הער פינסטער ארום איהם געווען און אנטשוויגען און שטום איז אַלץ אין דעם חשך פון זיין הארצען געווען. אַ שווארצער טרויער־פליגעל האָט איבער זיין קאָפּ געפאָכעט און פינסטער און ווי דער תהום זיינען זיינע מחשבות געווען.

נור הויך אין מיטען הימעל, איבער דעם בחור׳ס קאָפּ, האָט איין אויג, אַ גרויסע ליכטיגע גאָלדענע אויג מיט ליעבע אויף איהם אראָבגע־קוקט... געווען איז עס דאָס אויג פון מאָרגען־שטערען.

און דער מאָרגען־שטערען האָט אין הימעל זיך געשטעלט, און פון ווייטען הימלישע ברכות אויף דעם בחור׳ס קאָפּ געשעפּטשעט, און געגלעט האָט ער איהם און געוואונקען צו איהם — נור נישט בעמערקט האָט עס דער בחור.

און פּלוצלונג האָט דער בחור ערוואכט. זיינע אויגען האָט ער פון ניהנמשען אבגרונד אָבגעריסען און אין הימלישע שיינונג פערטרונ־קען און געדאכט האָט זיך אזוי ווי ער וואָלט מיט זיינע אויגען דער־געהן געוואָלט: הימעל אָדער גיהנם ? . . .

און די הימלישע בלויקייט האָט זיינע אויגען קלאָר געמאכט און

זיי האָבען צוריק זייער פריהעריגען אונשולדיגען און ריינעם גלאַנץ בעקומען און עס איז נישט געווען צו דערקאָנען, אז א העליש פייער האָט נישט לאַנג צוריק אין זיי טיעף געברענט.

און אַ פריהמאָרגען שטילקייט האָט זיך אין זיין האַרץ צוגאָסען און אזוי ווי באַלזאַם אויף זיינע וואונדען געטריעפט און בערוהיגט און אונטערטהעניג איז זיין האַרץ געוואָרען.

און אויפהויבענדיג צוריק זיינע אויגען צום שפיין פעלז האָט ער דערזעהען ווי הויך איבער איהם הייננט אַן איין איינציג קלאָר וואָלקענ־דיל און אזוי ווי אַ האַנד וואָלט פון דעם געפליעגטען וואָלקענדיל זיך ארויסשטעקען. איז עס דאָס בילד פון דער מיידעל אָדער אַ ליכטיגער מלאך געווען ?

און זיין בליק האָט זיך צוריקגעצויגען צום מאָרגען־שטערען און זיין נשמה האָט זיך אַן זיינע שטראַהלען איינגעפלאָכטען. טרויעריג לויכטענדיג און שיינענדיג איז ער נאָך אַליץ אזוי ריין און אונשולדיג ווי אין דעם ערשטען טאָג פון וועלט־בעשאַפונג. דאָס ליכט זיינס ווערט ניט פערלאָשען און זיין פלאַם — נישט דונקעלער. און יעדען בעגינען, ווען וואונדערבאַרע מענער, גרויסע איינזאַמע יתומים אויף דער וועלט בלאָנדזען איינזאם אין די סטעפּע נעבלען און טרעטען אוים מיט זייערע פים די ערשטע שטעזשקעס צו די שפּיצען בערג — דאן געהט ער, דער רעטהזעלהאַפטער און איינזאַמער ווי זיי, ארויס און בעגריסט זיי מיט אונשולדיגע ליכט מיט זיין שטענדיגער ברכה און ווינקט צו זיי מיט זיין גאָלדען אויג: זייט ריין, זייט ריין, זייט ריין ! און גיסט צונויף אַלע זייערע גרויסע נשמות פון אַלע עקען פון דער וועלט צו איין ליכטיגען פונקט — אין מאָרגען־שטערען.

און אַ גרויסע אונגעהויערע ביינקשאַפט האָט דעם בחור אָנגע־נומען און אַ ליעבע צו גאָט שטאַרקער פון׳ם טוידט האָט ווי אַ שטראָם זיין האַרץ דורכגעשווינקט. און געטרונקען האָט ער די הימלישע בלוי־קייט מיט זיינע אויגען און איז בערוישט געוואָרען... ער האָט זיך אויסגעגלייכט, די הענד צום הימעל אויפגעהויבען און אויסגעשריען:

— גאָט, אויך דעם פייער פון מיין האַרץ בין איך מקריב צו דיר!

און אַ גרויסע שיינונג האָט נאָך דער הייליגער שבועה אין זיינע אויגען אויפגעגלאַנצט און געזעהען האָט ער ווי דער מאָרגען־שטערען לויכט און ווינקט צו איהם מיט שמחה און בענשט איהם מיט אַ געטליכע ברכה. און איינגעטרויעט האָט ער זיך אויף זיין שטערען און אין איהם געגלויבט. און פערשטאַנען האָט ער, אז גאָט האָט צו איהם גערופען און זיין געטליכעס פייער איהם איינגעטיילט. און

געפיהלט האָט ער, אַז עפּעס וואָס גרויסעס געטליכעס האָט גאָט בע־שטימט פאַר איהם אויפ׳ן וויסטען אינזעל — און נישט געוואוסט האָט ער וואָס....

ער האָט זיך אויפגעמונטערט, פון אָרט זיך געריהרט און מיט אַ זיכער און רוהיג הארץ איז ער מיט׳ן ברעג טייך אַנטקעגען זיין גורל געגאַנגען. דאָס פייער־געשריי האָט נאָך אין זיינע אויערען געקלונ־גען און זון־אויפגאַנג האָט אין זיינע אויגען געשפּיעלט.

און דאָס בילד פון דער מיידעל אין וואסער און דאָס קלאָרע וואָלקענדעל אין הימעל האָבען אויך פון זייער אָרט זיך געריהרט און איהם פאָראויס געגאַנגען.

אָבער דער בחור האָט זיך שוין מעהר נישט געוואונדערט, דען אַ פיעל גרעסערער וואונדער איז אין זיין הארצען אראָב — און שטיל און שווייגענדיג איז ער געגאַנגען אַנטקעגען דעם מאָרגען־שטערען.

## 7.

און אז דער בחור איז ווייט־ווייט אָבגעגאַנגען — האָט ער בעמערקט, אז דער ברעג פון טייך, מיט וועלכען ער האָט זיך אויפגעהויבען געהט אַלץ העכער און העכער ביז ער גלייבט זיך אויס מיט דעם פעלזען אויפ׳ן צווייטען זייט טייך. אוןביידע פעלזען קומען זיך צונויף, דערנעהנטערען זיך און בויגען זיך אַריבער דעם טייך, וועלכער איז צווישען זיי פערשלאָסען. און געדאַכט האָט זיך, אז די צוויי ריעזען האָבען אַ בונד צווישען זיך געשלאָסען: דעם תהום אין זייער טיעפקייט פערנאַרען און אין דער פינסטער איהם דערשטיקען.

און רוהיג, אונערשראָקען האָט דער בחור אין טיעפקייט פון תהום אַראָבגעקוקט און זיך געפרעגט:

— קאָן אַ מענש זיך אַראָבוואַרפענדיג אין דעם דאָזיגען טיעפען תהום נאָך לעבען בלייבען?

נור ער האָט זיך אויף אַ רגע ניט אָבגעשטעלט און איז ווייטער געגאַנגען — אַלץ העכער און העכער צום שפּיץ פון פעלזען. און דאָס וואָלקענדיל אין הימעל און דאָס בילד פון דער מיידעל אין וואַסער זיינען פאָראויס איהם געגאַנגען.

און פלוצלונג האָט דאָס קלאָר וואָלקענדיל אין הימעל זיך אָבגעשטעלט און איבער דעם שפּיציגען פעלזען גערוהט. און דער בחור האָט אַ קוק געטאָן און דערזעהן אַ הויכען שאַרפען שטיין פון מאָרגען־נעבעל זיך אויפהויבענדיג הייגענדיג אויף דעם שולטער פון די פעלזען. אונטער איהם וואַרפט זיך און רוישט דער טייך פון פערניכטונג און איבער איהם לויכט און גלאַנצט אַ קליין פייעריל.

און דערפיהלט האָט ער דעם הייליגען פייער פון ווייטען און שטאַרקער און מעכטיגער האָט זיין האַרץ אין איהם געקלאַפּט. אָט איז עס דאָס געטליך פערבאָרגען פייער, וועלכעס ציטערט דורך די נעב־

לען פון מדבר און וויגקט פון די שפּיצען פון פעלזען. אזוי ווי עס וואָלט וועלען ציטערענדיג די צוקונפט׳ס־ערלעזונג פּאַראויסזאָגען. ווער האָט אויפ׳ן שפּיץ פעלזען דעם פייער אָנגעצונדען און וואו איז יענער ריינער אונשולדיגער וואָס זאָל זוכה זיין עס צו בעקומען?... איז עס ניט זיין גורל, וועלכען גאָט האָט פאר איהם אויף דעם וויסטען אינזעל בעשטימט? ....

און א מעכטיג געטליך פרייד, אן אונבעגרענעצט פרייד, איז ווי א מעכטיגער שטראָם אין זיין הארץ אריין אָרײַב און ברייט האָט זיך זיין הארץ אויפגעעפענט אין וועלכען גלויבען און האָפנונג, פרייד און שרעק האָבען זיך געצאַפּעלט און מיט גיכע, פלינקע טריט געגאַנגען שוועבענדיג אנטקעגען געטליכען פייער. אין זיינע אויערען האָט נאָך דאָס פייער געשריי געקלונגען און אין זיין הארץ טיעף האָט די ברכה פון מאָרגענשטערען געזונגען.

און דאָס פלעמעל איז פאר זיינע אויגען אַלץ גרעסער געוואָרען. אָט איז עס שוין אזוי ווי א קליין פייעריג צונג וועלכער טאַנצט און וויל זיך דערהויבען צו דער מאָרגענשטערען, זיין ברודער. און אָט איז עס שוין אזוי ווי דער לאָק פון דעם פייעריגען לייב וועלכען ער האָט אמאָל, זיין קרבן ברינגענדיג געזעהן... און ער האָט דעם געטלי־בען פייער דערקאָנט און ערוואַכט האָט דער אָדלער אין זיין הארץ און דורך זיינע ליפּען האָט זיך א פלאַם־געשריי אויסגעריסען: „דאָס געטליכע פייער! דאָס געטליכע פייער!" — און פערגעסען האָט ער אַן דער העלע, אויפ׳ן שפּיץ פעלז ארויף געקלעטערט, דעם הייליגען פייער אָנגענומען און הויך עס צום הימעל אויפגעהויבען. אין פּראַכט פון יוגענד און שעהנקייט איז ער אויפ׳ן פעלז געשטאַנען. הויך האָט ער זיין מיט לאָקען בעקרוינטען קאָפּ אויפגעהויבען און אין זיין האנד האָט דער פאַקעל פון הילף און רעטונג געברענט. דאָס קלאָר ווייסע וואָלקענדעל האָט איבער זיין קאָפּ ווי א מלאך געשוועבט און דער מאָרגען־שטערען האָט זיין העלדענמוטה בעגריסט.

און א מעכטיגער פריידען־געשריי האָט זיך פון בחור׳ס ליפען ארויסגעריסען געוואָלט — נור אין דער מינוט האָט זיך וויעדער פאר איהם פון פינסטערען תהום דעם מיידעל׳ס בילד בעוויזען.... וואונ־דערבאַר אין איהר שעהנקייט און יוגענד איז זי פאַר איהם ערשיענען און זון־אויפגאַנג האָט אין איהרע אויגען געלויכטען, איהרע בליקען זיינען גלייך אויף איהם געפאַלען, גלייך זי וואָלט א נעץ אום איהם צו פאַנגען אין זיין נשמה פערוואָרפען. שטיל ציהט זי זיך צו איהם אין דער הויכקייט און שטיל ציהט זי איהם צו זיך, אין אָבגרונד.

איהרע הענד זענען צו איהם אויסגעשפרייט, איהם צו עמפּפאנגען און זיך צו איהם אָבצוגעבען געגרייט. אין איהר בליק איז אַ ליעבע שטאַרק ווי הער טוידט, וועלכען מינוטען ציהען זיך ווי אייביגקייטען, פערגליווערט געוועזן.

און ער האָט דעם הייליגען פייער פעסט צו זיין הארצען צוגעדריקט, די אויגען אין שרעק געשלאָסען און אויסגערופען: הימעל — גיהנם — דו... — און זיך פון שפּיץ פעלזען אין די אָפענע אָרעמס וואָס אין טיעפען אָבגרונד אַראָב געוואָרפען...

און די געטליכע פייערלעך אין הימעל זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען און דער הימעלס רוים איז בלאַס געוואָרען און אָבגעדעקט, טרויעריג, אַזוי ווי אַ פעלד נאָכ'ן שניט געוועזן. און דאָרט, אָן אַ זייט פעלד, ווי נישט קיין נוצבאַרע זאַך איז דער לבנה־סערפּ געלעגען אוועק געוואָרפען.

און אַ ציטער געטאָן האָט דאָס ווייסע וואָלקענדעל און צוגאנגען געוואָרען, און אַ ציטער געטאָן האָט דער מאָרגען־שטערען — און פערשוואונדען געוואָרען.... די מאָרגען־לייווין האָט ערוואכט און איהר קעניגליך שטאָלץ און פּראכט אויפ'ן הימעל ארויס געטראָטען, אַ טרייסעל געטאָן מיט איהר גאָלדענע גריווע און איהר שיינונג האָט אויף די ווייטע — ווייטע בערג זיך צעגאָסען....

## 8.

און דאָס וואסער האָט דעם בחור אין א ווייט, פרעמד לאַנד, אין גלות־לאַנד ארויסגעוואָרפען.

און דורך אלע גלות־לענדער אין אלע עקען פון דער וועלט צווישען זיינע פערוואָגעלטע ברידער האָט ער געוואַנדעלט און דורכגעגאַנגען פאַרביי זיי ווי אַן אַלטע, אור־אַלטע לעגענדע און ווי אַ נביאות וועגען צוקונפט און פרעמד און רעטזעלהאַפט איז ער זיי געוועזען.

און פרעמד זיינען איהם הימעל און ערד געוואָרען. ער האָט זיינע אויגען אויסגעלערנט גלייך אַנטקעגען אין אונענדליכע ווייטקייט פאַר איהם קוקען אזוי ווי דער מיידעל׳ס בילד האָט אויף איהם אין יענעם פריהמאָרגען געקוקט.

ווען האָט ער יענעם פריה־מאָרגען געזעהן ?

און געבלאָנדזעט היו און הער האָט ער אזוי ווי אַ שטערען וועל־כער האָט זיין וועג אין הימעל פערלאָרען. און געגאַנגען איז ער נאַקעט און באָרוועס, זיינע אויגען גלייך אַנטקעגען איהם אין ווייטקייט גע־ווענדעט. און פערמאָגט האָט ער קיין זאַך נישט אויסער דאָס גרויסע פייער אין זיין האַרצען, אויסער דער זון־אויפגאַנג אין זיינע אויגען.

ווען איז דאָס פייער אין זיין האַרץ אַראָב ?

דען אין אן אונגעהויערען פייער איז זיין האַרץ געלויטערט גע־וואָרען און אַ דרייפאַכיג פלאַם האָט אין איהם געברענט: דאָס פייער פון גאָט און דאָס פייער פון שטן — און דאָס שטאַרקסטע פון זייביידען — דאָס פייער פון ליעבע.

און געטראָגען האָט ער דעם דאָזיגען פייער אין אלע פיער עקען פון דער וועלט. מיט זיינס אַ וואָרט האָט ער הערצער אויפגעפלאַמט און אין פערלאָשענע אויגען האָט ער ליכטער אַנגעצונדען.

און אַרוים איז ער צווישען זיינע פערוואָגעלטע ברידער און זיי

אין זייער ערהגידערונג און ליידען געזעהן — מיט זייער שמערץ גע־ווייטאָגט און מיט זייער זיפץ געזיפצט. און הימלישע געשרייען, גיהנמשע ליידען, גאָט'ס נקמה און זיין שטורעמדיג צאָרען האָבען אין זיין זיפץ זיך געהערט, א געשריי פון א נשמה וועלכע געהט אויס אין יסורים פון אן אומזיסטע, ניט־געענטפּערטע ליעבע און דער זיפץ פון דער וועלט אין דער חורבן־נאַכט.

און אמאָל — אז די וועלט פּלעגט אין איהרע גרויסע ליידען אנשוויי־גען ווערען און זיין געשריי פלעגט זיך אין א שטילקייט פערוואנדלען — דאן איז קיין טרויער גרעסער ווי זיינס און קיין צער טיעפער פאר זיינס — נישט געווען.

און קיינער האָט זיין גראדען בליק אויסהאַלטען נישט געקאָנט. מענשען פלעגען פון איהם זייערע אויגען אַבווענדען: ווער עס פלעגט זיי צום הימעל אויפהויבען און ווער צו דער ערד אראָבגעלאָזען. און נאָכקוקען פלעגט ער יענעם מאן ביז ער פלעגט פערשווינדען — און אויף איהם גרויס רחמנות געהאט.

און געטראָפען האָט ער אויך אויף זיין וועג מענשען שלעכטע מיט הערצער פול גיפט און שנאה — און ציטערען פלעגען זיי פאר זיין בליק און געשווינד פון איהם זיך אַבקעהרען, אויסקנייטשען פלעגט זיך זייער שטערן און מיט זייערע געדיכטע ברעמען פלעגען זיי זייערע אויגען דעקען און צו דער ערד קוקען. זייער האנד פלעגען זיי אויף זייער הארץ לעגען — און געדאַכט האָט זיך אזוי ווי זיי וואָלטען א גנבה פון די אויגען פון רעטזעלהאפטען מאן פערבאָרגען געוואָלט.

אָבער דורך און דורך האָט ער זייער הארץ געזעהן און אין זייער נשמה, ווי אין טויערן פון א געפאלענער פעסטונג ארייננעדרונ־גען. און געזעהן האָט ער אלע זייערע פערבאָרגענע פלאָגען, צוזאמען מיט זיי האָט זיין הארץ געצאַפּעלט און געווייטאָגט און מיט זייער פּיין — מעהר פון זיי זיך געפּייניגט.

און אמאָל, אז ער פלעגט א רוהיגען צופרידענעם מענשען טרעפען פלעגט זיין בליק אין יענעמס הארץ אריינדרינגען און ביז צום טוידט איהר קראַנק מאכען און די רוה פלעגט פון יענעם מענשען אויף אייביג אנטלויפען און ביי נאַכט אויף זיין געלעגער פלעגט דער זיסער שלאף פון איהם וויכען.

און מענשען פלעגען צו איהם קומען, שטיל זייער קאָפּ אונטער־זיין ברכה און קללה איינבויגען. שטראף־און־טרייסט רייד פון זיינע ליפּען געזוכט, תפלה און ערבארמונג פון זיינע אויגען געבעטען... און א ים רחמנות פלעגט אין זיין הארצען זיך גיעסען און זיינע

טרייסט־ווערטער פלעגען ווי מאָרגען־טהוי אויף די צערבראָכענע הערצער פאַלען און מיט גרויס רחמנות פלעגט ער אויף זיי קוקען און אין זיין בליק פלעגט דער פריהמאָרגען זיך לויכטען.

דען געטראָגען האָט ער אין זיין הארצען דאס גרויסע ליכט פון דער שיינענדער זון צוזאמען מיט די פינסטערניש פון דער נאכט און איהרע סודות — נור זיינע אויגען האָבען שטענדיג נאָך זון־אויפגאנג געדערשט. אין זיין נשמה האָט זון־שיין זיך אָבגע־שפּיגעלט און זון־אויפגאנג — איז זיין לעבענס־ליעד געוועזען.

* * *

און אז זיין הארץ פלעגט איהם פערקלעמען — ווען זיינע גרויסע חלומות און אונבעגרענצטע ליידען פלעגען אין איהם ווי כוואליעס אין שטורעמדיגען ים רוישען — פלעגט ער מיט זון־אויפגאנג ביים ברעג טייך אויסערען שטאָדט ארויסגעהן און אָן אַן איינזאמען בוימעל זיך אָנשפּארען. זיינע אויגען פלעגט ער צום מאָרגען־שטערען אויפ־הויבען און אין דאָס וואסער פון טייך פלעגט ער זיין בילד זוכען. דערנאָך פלעגט ער זיינע אויגען צושליעסען און טיעף־טיעף אין תהום פון זיין נשמה ארייננקוקען. און לאנג־לאנג פלעגט ער אזוי שטעהן אין זיין גרויסען טיעפען טרויער — דער טרויער פון אַן איינזאמען — אין שטילקייט פון דער וועלט.

און דער יונגער קלאָר־פליגעלדיגער מלאך מיט די בייגקענדע אויגען אויפ'ן מאָרגען־שטערען האָט זאכט דעם שטומען טרויער־בעכער איינגעבויגען און שטיל, א טרעהר נאָך א טרעהר אין דער שטילקייט פון פריהמאָרגען געגאָסען.

